אָקספֿאָרדער ייִדיש

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## II

**Edited by**
**Dovid Katz**

harwood academic publishers
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

ISBN 3-7186-5206-4
ISSN 1044-3614

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

II

1991

רעדאַקטאָר

**הירשע־דוד קאַץ**

ביבליאָטעק פֿון דער משפּחה קאַץ
געגרינדעט רבֿקה און הירשע־דוד

האַרוואָוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
קור, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, מעלבורן
בשותפֿות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

# פֿאָרם אין פּאָעזיע און נאַטור

פֿון

**מעינקע קאַץ**

ספּרינג גלען, ניו־יאָרק

## I

## פֿאָרם אין יידישער און ענגלישער פּאָעזיע

אַלץ האָט פֿאָרם, אַלץ וואָס מיר פֿאַרנעמען מיט אונדזערע פֿינף חושים. פֿאַראַנען צענדליקער פֿאָרמען אין פּאָעזיע. פֿאַרשטייט זיך צוליב פֿאָרם ווערט ניט דער טאַלאַנט פֿון פּאָעט גרעסער אָדער קלענער. פֿאַראַן פּאָעטן וועלכע שרײַבן לידער אין גראַמען, פּאָעטן וועלכע שרײַבן אין ווײַסן פֿערז (די פֿאָרם וואָס שעקספּיר האָט גענוצט אין זײַנע דראַמען). פֿאַראַן פֿאָרם אַפֿילו אין די פֿאָרמלאָזע לידער וועלכע פּאָעטן שרײַבן פֿראַנק און פֿרײַ, אָן גראַמען, אָן יעדער מין פֿאָרם אָבער אין די לידער פֿון גוטע פּאָעטן איז די פֿאָרם אין אימאַזש, אין מעטאַפֿאָר, אין געדאַנק. ווען מיר האַלטן אין האַנט אַ כוס ווײַן איז דער כוס די פֿאָרם, ווײַן — דאָס ליד.

ווען אַ דורשטיקער אין מדבר טרינקט וואַסער פֿון אַ קוואַל דאַרף ער, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין גלאָז אָבער יעדער קוואַל פֿליסט מיט זײַן אייגענער פֿאָרם. יעדע פֿאָרם מוז זײַן צוגעפּאַסט צום ליד, פֿאָרם און ליד מוזן ווערן פֿאַרצווילינגט.

איצט לאָמיר זען ווי אַנדערש יידישע און ענגלישע פּאָעטן נוצן פֿאָרם פֿאַר זייערע לידער. אין יידישער פּאָעזיע דאָמינירט דער כאָריי (trochee), אַ וואָרט מיט צוויי טראַפֿן, דער טראָפּ אויפֿן ערשטן טראַף; לאָמיר אָנהייבן מיט אַ מוסטער פֿון דעם פּרינץ פֿון יידישע פּאָעטן מאַני לייב. אָט איז אַ סטראָפֿע פֿון פֿינף

כֿאָריי=טאַקטן אין קרייץ גאַרטל=גראַמען:

טויבן שטילע, בלויע, אָוונט שטונדן
שפרייט פֿאַר מיר מײַן אָוונט=טרוים צעשפרייטער.
איצטער גליען ציטעריקער, רויטער.
מײַנע שטילע רויזן — מײַנע וואונדן.

כֿאָריי איז פונקט פֿאַרקערט פֿון יאַמב — דער טראָפ אויפֿן צווייטן טראַף. אָט איז אַ סטראָפֿע אין יאַמב=טאַקט פֿון דעם ענגלישן פאָעט לאָרד בײַראָן, פֿון זײַנע *Hebrew Melodies*:

Shĕ wálks ĭn béautў, líke thĕ níght
ŏf clóudlĕss clímes ănd stárrў skíes;
ănd áll thăt's bést ŏf dárk ănd bríght
mĕet ín hĕr áspĕct ánd hĕr éyes.

אין דער ענגלישער פאָעזיע געוועלטיקט דער יאַמב, דער טראָפ אויפֿן צווייטן טראַף.

אַפילו די פאָעטן וועלכֿע האָבן געשריבן לידער בײַ די היטלערישע גאַז=אויוונס האָבן זיך גענומען די מי דאָס ליד זאָל חוץ טראַגישן אינהאַלט פֿאַרמאָגן אויך פֿאָרם, ריטעם, פֿערז=פֿוס. די אַנאָנימע פאָעטעסע וועלכֿע האָט אַוועקגעוואָרפֿן איר ליד, „אַ קאַפיטל תהלים" בעת די נאַציס האָבן די געפֿירט צום טויט האָט געשריבן איר לעצט ליד, סײַ אין כֿאָריי=טאַקט, סײַ אין אויסגעציילטע טראַפֿן:

וואַרשע, וואַרשע, מוטער שטאָט,
מיט בלוט=פֿאַרשפריצטע מויערן:
זעט ניט דײַנע וואונדן גאָט,
די מתים אין די טויערן.

די ערשטע און די דריטע שורה זײַנען געשריבן אין דרײַ און אַ האַלב כֿאָריי=טאַקטן, די צווייטע און די פֿערטע שורה, אין אַכֿט טראַפֿן. (איר ליד איז

דערשינען אין זשורנאַל מיר אין יוני 1944, אויך אין *עלים שלום*, אין אָקטאָבער 1973).

II

## פֿאָרם בײַ יידישע פּאָעטן

הירש גליק האָט אַפֿילו אין טויטן־לאַגער פּאָלירט זײַנע לידער אין געמאָסטענעם פֿערז, אין יאַמב־טאַקט. דער יאַמב־טאַקט פּאַסט זיך צו זײַן ליד, האָפֿערדיק, אַפֿילו אויג אויף אויג קעגן טויט:

זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט, מיר זײַנען דאָ.

פֿון גרינעם פּאַלמען לאַנד ביז ווײַסן לאַנד פֿון שניי,
מיר זײַנען דאָ מיט אונדזער פּײַן, מיט אונדזער וויי
און וואו געפֿאַלן ס'איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט
וועט נאָך אַ שפּראָץ טאָן אונדזער גבֿורה אונדזער מוט.

דער פּאָעט אשר שוואַרצמאַן וועלכער איז געפֿאַלן אויפֿן שלאַכטפֿעלד פֿון אוקרײַנע אין 1919 אין דעם עלטער פֿון דרײַסיק יאָר איז געווען אַ מײַסטער פֿון פֿערז־טאַקט. אָט איז אַ סטראָפֿע פֿון זײַנס אַ ליד אין נצחונדיקן יאַמב־פֿוס, ווען ער איז געווען אַ קאַוואַלעריע רײַטער:

אויף גיך צום פֿערד
די האַנט שטאָל אָן
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פֿאָן.

דער אַנאַפּעסט איז אַ פֿערז־טאַקט פֿון דרײַ טראַפֿן. דער טראָפּ איז אויפֿן דריטן טראַף. די רוימישע פּאָעטן האָבן געניצט אָט דעם פֿערז־טאַקט מערסטנס אין דראַמע. אויף ענגליש האָבן הנאה געהאַט פֿונעם אַנאַפּעסט אַזוינע קלאַסישע פּאָעטן ווי בײַראָן, סקאָט, בראַונינג, סווינבורן. דער אַנאַפּעסט איז געווען אַ מיטל אויסצודריקן שוואונג, טאַנץ, גערודער: די יידישע פּאָעטן האָבן געניצט דעם אַנאַפּעסט אָפֿט פֿאַרקערט, אין צער, עלעגיע. אָט איז אַ זעלטענע דוגמא פֿון דער אייביק פֿאַרליבטער פּאָעטעסע אַנאַ מאַרגאָלין (זי האָט געשריבן אונטערן נאָמען ראָזע לעבנסבוים, פֿלעגט אויך שרײַבן אין טאָג, אונטערן פּסעוודאָנים קלאַראַ לעווין) פֿון איר עלעגיש ליד: „מאַרי און דער טויט". דאָס ליד איז אַזוי גרינג אין ריטעם, מאָס און וואָג אַז דער פֿערז־פֿוס אַנאַפּעסט נייטיקט זיך ניט אין אָט די צייכנס ˘ ˘ ´ צו ווײַזן דעם טראָפּ אויף דעם דריטן טראַף:

ס'האָט מאַרי זיך געזעגנט מיטן ליכטיקן הויז
פֿאַר די ווענט זיך גענייגט, געבייגט און אַרויס,
און אַוועק אין דער נאַכט, ווי מען גייט אין אַ וואַלד
וואו גאָטס אָטעם איז נאָענט און ס'שרעקט יעדע געשטאַלט
און געגאַנגען נאָך איר זײַנען פֿריילעך און בונט
בעטלער און שיכור און וואַגאַבונד.

דער פֿערז־טאַקט דאַקטיל פֿאַרמאָגט אויך דרײַ טראַפֿן, איז אָבער פּונקט פֿאַרקערט פֿונעם אַנאַפּעסט. דער טראָפּ פֿאַלט אויף דעם ערשטן טראַף אָנשטאָט אויף דעם דריטן. דאַקטיל מיינט אַ פֿינגער. ס'וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן, אַן אײַנגעבויגענער פֿינגער, ווײַל ווען מיר בייגן אײַן אַ פֿינגער זעען מיר דרײַ גלעזלעך, ווי דרײַ טראַפֿן, דער ערשטער גלעזל שפּיציק, אַקצענטירט, ווי דער ערשטער טראַף פֿונעם דאַקטיל, די אַנדערע צוויי געבויגן, ניט באַטאָנט: ´ ˘ ˘.

ניט ווייסנדיק האָט דאָס זינגענדיקע פֿאָלק באַשאַפֿן פֿאָלקסלידער אין כלערליי פֿערז־טאַקטן. אָט איז אַ סטראָפֿע פֿון אַ פֿאָלקסליד אין פֿערז־פֿוס דאַקטיל:

קום צו מיר
שרהלע,
כ'בענק נאָך דיר
ליבינקע.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן איצט אַ ווײַלינקע אויפֿן טריאָלעט. מיר ווילט זיך כאָטש דערמאָנען דעם מײַסטער פֿון טריאָלעט: לייב נײַדוס.

דער טריאָלעט פֿאַרמאָגט אַכט שורות: די פֿערטע און די זיבעטע שורה, די זעלביקע ווי די ערשטע; די צווייטע שורה חזרט זיך איבער אין דער אַכטער. בײַ מעכאַנישע טינטלער ווערן די איבערחזרונגען שקלאַפֿן פֿון דער פֿאָרם. בײַ לייב נײַדוסן איז דער טריאָלעט סימפֿאָניש.

אלול

אַ שטערנגעל, גאָלדענע עצבֿות קוקט אַרײַנעט
פֿון דרויסן דורך דער בלאַנקענדיקער שויב.
פֿון פּורפּור־בלעטער און פֿון געלן שטויב.
אַ שטערנגעל, גאָלדענע עצבֿות קוקט אַרײַנעט.
בײַם שויב דער טאָפּאָל פֿליסטערט וואָס און טענהט,
ווי ער וואָלט וועמען אײַנרוימען: „נישט גלויבו!"
אַ שטערנגעל, גאָלדענע עצבֿות קוקט אַרײַנעט
פֿון דרויסן דורך דער בלאַנקענדיקער שויב.

און ווער דערמאָנט איצט פֿראַדל שטאָק, די לאַנג־פֿאַרגעסענע פּאָעטעסע וועלכע האָט פֿאַרצווייפֿלינגט דעם גורל פֿון מענטש און חיה אין אירע עכטע לידער, האָט געהערט אין דעם מיאַוקען פֿון אַ קאָטער אַ קינדיש געוויין, האָט געזען אַ מענטשן ערגעץ הענגען ווען דאָס לעמפּל האָט געצאַנקט און דער ווינט האָט געקלאָגט, האָט פֿאַרטרויט די פֿאַרנאַכטן אַז:

אומעטיק איז מיר אַזוי,
אומעטיק צום שטאַרבן.

ניט נאָר אין טרויער, אויך אין פֿרייד האָט די דורך אירע סענסיטיווע חושים דערשפּירט ווי גאָט עפֿנט די זאַנגען אין פֿעלד. באַגלייט פֿון „דעם פּאַסטוכס ליד" ווי דער סאָק רינט, ווי רויטער ווײַן „פֿון צײַטיק־פֿולע קאַרשן". נאָר אין עלנט האָט זי גערעדט צו דער בין וועגן זיך אַליין:

איך ווייס דו האָסט קיין האָניק נישט,
דו ווילסט די גיפֿט מיר געבן.

פֿראַדל שטאָק, ווי לייב נײַדוס, ווי צענדליקער אַנדערע קערנדיקע, יידישע פּאָעטן האָבן איבערגעלאָזט דייערע לידער, דייער האָב און גוטס אויף גאָטס באַראָט. ווען מען אַרט עס וואָס אַזוינע פּאָעטן וועלכע וואָלטן באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן, בײַ דער מזרח־וואַנט פֿון אונדזער פּאָעזיע ווערן צעגעסן פֿון אַש און פּאָרעך?

כּדאַי צו דערמאָנען אַז פֿראַדל שטאָק איז געווען פֿון די ערשטע אַרײַנצוברענגען דעם סאָנעט אין דער יידישער פּאָעזיע. איר סאָנעט וואָס כ׳וועל דאָ ציטירן ליגט שוין בײַ מיר זינט מײַנע יינגלשע יאָרן. דאָס פּאַפּיר איז שוין אַזוי פֿאַרגעלט, צעפֿאַלן אַז די צײַט האָט שוין פֿאַרשניטן דעם טיטל, ווי אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. איר סאָנעט איז שוין אַ הויפֿן שטויב, זעט אויס אַז אויך לידער זײַנען צווישן די יורדי עפֿר:

צי זאָל איך מיך פֿאַרבאָרגן ערגעץ־וואו
און וויינען שטיל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן;
און אויסווישן צוריק די מידע אויגן
וואָס האָבן קיינמאָל, קיינמאָל נישט קיין רו.

און לאָזן וואַנדערן אַוועק מײַן בליק,
ווי ביז אַהער אין גרויע, גרויע ווײַטן;
און וואַרפֿן אים דערנאָך אויף אַלע זײַטן,
אין קראַנקער אומרו, יאָגן זיך נאָך גליק.

צי זאָל איך מיך אַ וואָרף טאָן ווילד אַרײַן,
אינמיטן גאַס, מיט אָנגעצונדענע אויגן
און ברומען ווי אַ טיגערין פֿון פּײַן.

די רוכנדיקע נאָזלעכער צעפֿלויגן —
צי זאָל איך ערגעץ־וואו פֿאַרבאָרגן זײַן
און וויינען שטיל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.

מיר דאַכט אַז די פֿאַרוואָרלאָזטע פּאָעטן לייב נײַדוס און פֿראַדל שטאָק

דאַנקען מיר אַפֿילו אין זייערע קבֿרים וואָס איך האָב אויסגעגראָבן פֿון דער פֿינצטערניש כּאָטש אַ פֿונק פֿון זייערע לידער, כּדי זיי זאָלן ווי פֿאַרגעסענע טויטע פּאָעטן פֿאַרזוכן כּאָטש דעם טעם פֿון אַ פּיצל ליכט פֿון אַ פֿאַרלאָשענעם דור.

ווי שטאַרק ס'איז דער דראַנג ביי פּאָעטן, געבענטשט מיט טאַלאַנט צו שרייבן לידער אַפֿילו פֿאַרן ווינט, אַפֿילו אויג אויף אויג מיטן טויט האָט באַוויזן די פּאָעטעסע ריווע קוויאַטקאָווסקאַ וועלכע איז געפּייניקט געוואָרן אין די נאַציסטע מאָרד־לאַגערן: אוישוויץ, שטוטהאָף, קאָקאָשקו (לעבן דאַנציק). אַפֿילו מיט אַמפּוטירטע הענט און פֿיס האָט זי געשריבן איר ליד (ווי דער געליימטער פּאָעט חיים קרול, מיט דער פּען אין מויל) „אַ תּפֿילה פֿון אַ געטאָ־ייד". אין וויטמאַנישן פֿריַיען פֿערז בעט די ביי גאָט זי זאָל מגולגל ווערן אין אַ פֿערד, אַ הונט, אַ שטיין נאָר ניט אין אַ מענטש:

גרויסער גאָט,
פֿאַרוואַנדל מיך אין אַ שטיין,
נאָר אַ מענטש,
אַ מענטש קאָן איך ניט זיין.

### III
### דער פֿערז־טאַקט אין דער נאַטור

די זעלביקע פֿערז־טאַקטן וואָס געפֿינען זיך אין פּאָעזיע געפֿינען זיך אויך אין דער נאַטור.

איצט איז פֿרילינג, 1990. איך הער זיך צו צו די פֿערז־טאַקטן פֿונעם טייבעלע איבערן וועג פֿון אונדזער וואַלד־הויז. די וואַסערלעכע אייגלן זיך אָנצוזאָגן אַלץ וואָס לעבט אַז דער סעזאָן פֿון בלי, ליכט, פֿרייד איז שוין דאָ. דאָס טייבעלע רעדט אין פֿערז־טאַקט: י אַ מ ב מיט דעם קול פֿון שיר השירים:

זאָל ער מיך קושן מיט די קושן פֿון זיין מויל.
ווייל בעסער איז דיין ליבע פֿון ווין.

### מעינקע קאַץ

אַ בונט מירע איז מיר מײַן געטרײַער,
צווישן מײַנע בריסט זאָל ער נעכטיקן.

(איבערזעצונג פֿון שיר השירים א: ב׳, י״ג)

איטלעך פֿרילינג הער איך דאָס טײַבֿעלע דערציילן אינעם פֿערז־טאַקט יאַמב כלערליי מעשהלעך וועגן די וואַסערלעך וואָס זײַנען שוין דורכגעלאָפֿן ביז איצט און וועגן די וואַסערלעך וואָס וועלן נאָך אָנקומען אַלע קומענדיקע פֿרילינגס. די מעשהלעך וואָס דאָס טײַבֿעלע דערציילט אין פֿרילינג זײַנען לויטער פֿרייד. דער יאַמב, דער צוויי־טראַפֿיקער פֿערז־טאַקט: אומבאַטאָנט, באַטאָנט, ˘ ´ איז האָפֿערדיק ווי דאָס טײַבֿעלע אין פֿרילינג.

דאָס טײַבֿעלע אין האַרבסט פֿליסט טרויעריק אין פֿערז־טאַקט כֿאָריי: באַטאָנט, אומבאַטאָנט, ´ ˘.

אַ מענטש אין אַ דערהייבן געמיט גייט אין פֿערז־טאַקט: יאַמב, אַדרבא, באַטראַכֿט דעם יום־טובֿדיקן גאַנג פֿון אַ מיידל וועלכֿע איז נאָר וואָס אַוועק פֿון איר באַשערטן מיט אַ צוזאָג אַז ער וועט זי האַלטן האָבן, עד סוף כל הדורות. דער יאַמב איז זיך מחיה ווען ער גייט אין דעם פֿערז־פֿוס פֿון אַזאַ פֿאַרליבט מיידל.

פֿאָעטן זײַנען ניט נאָר מענטשן, נאָר אויך פֿלעדערמײַז, הינט, נאַכֿטיגאַלן. פֿלעדערמײַז צוויטשערן זייערע לידער אין כֿאָריי־טאַקט ווען זיי פֿלאַטערן אַרויס פֿון די פֿאַרוואָרלאָזטע חורבֿות פֿון צפֿת, דורך די פֿאַנטאַסטישע פֿאַרנאַכֿטן פֿון גליל. היימלאָזע הינט בילן אויס זייערע לידער אַנטקעגן דער לבֿנה אין פֿערז־טאַקט דאַקטיל דעם עלנט פֿון אַלע פֿאַרוואָגלטע.

הֿאַ—אוֹ—אוֹ—הֿאַ—אוֹ—אוֹ

דער יאַמב און אַנאַפּעסט זײַנען האָפֿערדיקע פֿערז־טאַקטן אין דער נאַטור ווי אין לידער; דער כֿאָריי און דאַקטיל באַגלייטער פֿון צער, עלנט.

צו וועמען זינגען נאַכֿטיגאַלן זייערע לידער אין יאַמב און כֿאָריי, אויב ניט צו אַזוינע פֿאָעטן ווי לייב נײַדוס, פֿראַדל שטאָק, מאַני לייב, דזשאָן קיטס?

די ראָב וואָס איז אַ גראַפֿאָמאַן ווי די גריל, די פּאָפּוגײַ איז אין חלום פֿון

עדגער עלען פּאָו מגולגל געוואָרן אין אַ מיסטישן פּאָעט וואָס ווערט ניט מיד צו קראַקען אַ גאַנצע נאַכט אין כּאָריי איר איינציק וואָרט וואָס זי פֿאַרמאָגט:

קײנמאָל, קײנמאָל ... ניט!

דער איינציקער ענטפֿער פֿון דער ראָב אויף אַלע פֿראַגעס פֿון פֿאַראָבלטן געליבטן בשעת ער טרויערט אויפֿן טויט פֿון זײַן געליבטער וועמען די מלאָכים האָבן אַ נאָמען געגעבן: לענאָר. די שוואַרצע ראָב קראַקעט אין כּאָריי.

דער יאַמב איז מערסטנס פֿאַרצווילינגט מיט פֿרייד, דער כּאָריי מיט יאוש. מענטשן אויף חתונות גייען, לאַכן, טאַנצן אינעם פֿערז=טאַקט: יאַמב; מענטשן בײַ לוויות טרויערן, וויינען, רײַסן קריעה אין כּאָריי.

פּרובירט וואַרפֿן אַ שטיין אויף אַ באַרג און איר וועט הערן דעם שטיין קײַקלען זיך צום באַרג=שפּיץ אין יאַמב:

אַרויף! אַרויף!

און איר וועט הערן דעם שטיין פֿאַלן באַרג=אַראָפּ, אין כּאָריי:

אוי וויי, אוי וויי!

איך האָב זיך אויסגעלערנט פֿאַרשטיין דאָס לשון פֿון שטיינער. איך הער שטיינער ריידן. ווען אַ שטיין ליגט אומבאַרירט איז ער אַ שטומער פּאָעט. אָבער ווען אַ מענטש, אַ חיה, אַ שטורעם יאָגט דעם שטיין ווערט ער לעבעדיק, קריגט ער לשון, קען ער ריידן אויף כּלערליי לשונות, אויך אויף זײַן אייגן לשון: שטיין=לשון.

שטיינער האָבן אַ שטיינערנעם מזל, מ'פֿאַרדעט דאָס גוטס אין זיי, פֿון שטיינער קען מען בויען שטיבעלעך, מצבֿות, פּאַלאַצן.

אין מײַן מומע ביילקעס לעגענדעס באַוועגן זיך שטיינער לויט זייער אייגענעם ווילן, שטיינער חלומען תּמיד פֿון גיין, פֿון לויפֿן. זי פֿלעגט זאָגן: „אויף לויפֿנדיקע שטיינער וואַקסט ניט קיין מאָך. שטיינער ווען ניט אייביק געבאָרן

שטיינער, אין משיח־צײַטן וועט אַ שטיין געבאָרן אַ נײַעם אדם". בלומעלע, דאָס בעטלער־מיידל פֿלעגט מיט מײַן מומעביילקע ניט מסכּים זײַן, פֿלעגט זינגען אויף אַלע געסעלעך און שטעגעלעך פֿון מיכּאַלישעק:

צי דען בין איך פֿון אַ שטיין געבאָרן?
צי דען האָט מיך קיין מאַמע געהאַט?

## הערה

די קאָרעקטור פֿון אָט דער אַרבעט איז מעינקע קאַצן געבראַכט געוואָרן אין זײַן וואַלד־הויז אין ספּרינג גלען, ניו־יאָרק, מיטוואָך דעם 24סטן אַפּריל 1991, אינעם טאָג פֿון זײַן פּלוצימדיקן טויט. האָט ער ניט באַוויזן לייענען קאָרעקטור און דאָ און דאָרט בײַטן און איבעראַרבעטן, ווי ער האָט עס בדעה געהאַט צו טאָן. דער געדרוקטער נוסח האַלט זיך דעריבער בײַם כּתבֿ־יד מיט תּיקונים וואָס דער מחבר האָט געהאַט אָנגעצייכנט אויף פֿריערדיקע אָפּגעקלאַפּטע נוסחאות. נאָך דעם נאָמען פֿון דער אַרבעט, וואָס דער מחבר האָט יענעם טאָג געזאָלט פֿעסטשטעלן, האָט ער ניט באַוויזן לאָזן וויסן. האָט די רעדאַקציע געגעבן אַ נאָמען וואָס שפּיגלט אָפּ, מיר האָפֿן, דעם תּוכן. דער מחבר וואָלט זיכער געגעבן אַ מער ליטעראַרישן נאָמען. — רעד'